בעזרת השם יתברך



# א פסוק חומש

## חיזוק פאר די וואך

תשפ״ב | גליון קכ״ח

# פרשת בראשית-נח

**וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל...**

# ימים נוראים תשפ״ב...

## וואס נעמען מיר מיט אויף א גאנץ יאר?
## פרשת בראשית און נח לערנט אונז...

נאך א יאר איז ב״ה פאריבער און מיר הייבן נאכאמאל אן פון בראשית... א פרישע התחלה מיט א פרישע קבלה... דאס יאר גייט זיין א געלונגענע...

אבער ווי נאר מיר הייבן אן לערנען די תוכן פון די פרשיות, לערנען מיר וועגן די יסודות אין אמונה פון ״בראשית ברא אלקים״. ווי אויך, באגעגן מיר זיך מיט די סיפורים פון זינדיגע מענטשן, ״וירא ה׳ כי רבת רעת האדם״ און דער שרעקליכע אומגליק פונעם מבול...

שטעלט זיך א מורא׳דיגע קשיא, **״פארוואס פונקט יעצט?״**

שטעלט אייך פאר דער ערשטע טאג פון זמן. די בחורים, די מגי״ש, אלע קומען צוריק מיט א געוואלדיגע פרישקייט. יעדער איז גרייט צו האקן שטיקער און אנפילן דער זמן מיט די מאקסימום וואס איז שייך. פלוצלינג, שטעלט זיך אויף דער מנהל און הייבט אן דרשה׳נען וועגן די געוואלדיגע חשיבות און וויכטיגקייט פון תורה און מען זאל נישט פארפאטשקענען די צייט... דערנאך, איז דער מנהל ממשיך מיט די שרעקליכקייט וואס געשעהט ווען א בחור זינדיגט!!

דער גאנצע עולם שטייט בהעלם, ״וואס? יעצט אנהייב זמן, שוין רעדט מען וועגן די וויכטיגקייט פון לערנען? ווער וויל דען נישט יעצט לערנען?! אזוי אויך, יעצט אנהייב זמן דארף מען שוין רעדן פון זינדיגן? ווער וויל דען יעצט זינדיגן?!

אזא דרשה וואלט אסאך מער געפאסט פורים צייט אדער איין וואך פאר בין הזמנים... פארוואס יעצט ווען דער עולם איז אזוי פריש?! אזא צייט וואלט דער מנהל ענדערש געדארפט זאגן די תקנות פון די ישיבה און וואס ער ערווארט פון די בחורים במשך די זמן... מוסר האט ער צייט צו זאגן טבת צייט...

און אט דאס איז אונזערע קשיא יעצט שטייענדיג אנהייב בראשית...

פארוואס פונקט יעצט ווען מיר שטייען נאך אונטער די רושם פון די הייליגע טעג און דער עולם איז מלא רצונות, מען איז נארוואס אדורך א ר״ה, יוה״כ, סוכות און אפי׳ א שמיני עצרת ווען יעדע איד האט אויסגעשריגן מיטן גאנצן כח, **״אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא אלקים אין עוד מלבדו...״** יעדער ווייסט יעצט זייער קלאר ווער האט באשאפן די וועלט און פארוואס. עס גליסט נאכנישט פאר קיינעם צו זינדיגן!

פארוואס הייבט מען אן צוריק פון א׳ מיט ״בראשית ברא אלקים״ און דערנאך מיטן מבול ווען דער אייבערשטער האט מקיים געווען דעם, ״אֶמְחֶה אֶת הָאָדָם אֲשֶׁר בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה...״

וואלט דאס נישט אסאך מער געפאסט טיף אינמיטן זומער ווען דער עולם איז שוין פארשלאפן, מלא גשמיות און מען קען קוים טראכטן ״מה חובותו בעולמו״, דעמאלטס וואלט מען געדארפט ליינען ״בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״ און דערהערן ווער האט באשאפן די וועלט און פארוואס. דעמאלטס דארף מען פארציילן וואס געשעהט מיט מענטשן וואס האבן געזינדיגט און זייער עונש...

**לאמיר לערנען א פסוק חומש,**
**און באקומען חיזוק פאר די יאר!**

# בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ...

**(בראשית א, א)**

זאגט רש"י: אמר רבי יצחק: לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מ"הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם" (שמות יב ב) שהיא מצוה ראשונה שנצטוו ישראל. ומה טעם פתח בבראשית?

פיל פשטים זענען שוין געזאגט געווארן צו מסביר זיין די פשט, אבער לפי"ד, אולי קען מען מסביר זיין די קשיא באופן זה.

**לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מ"הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם".** נאכן טאנצן און זיך פרייען גאנץ שמ"ע און שמח"ת מיט די הייליגע תורה, וואלט מען ענדערש געדארפט תיכף אנהייבן מיט די ערשטע מצוה, וואס דאס איז דאך לכאורה דער גאנצע תכלית פון לימוד התורה (עי' בשפת"ח). **ומה טעם פתח בבראשית?** פארוואס פעלט אויס נאכאמאל אנצוהייבן פון אנפאנג, פון "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"?

איידער מיר וועלן אריינגיין לעומקו של דבר און פארענטפערן די קשיא, וועלן מיר פרעגן נאך איין קשיא פון פרשת נח...

# וַיָּחֶל נֹחַ אִישׁ הָאֲדָמָה וַיִּטַּע כָּרֶם. וַיֵּשְׁתְּ מִן הַיַּיִן וַיִּשְׁכָּר וַיִּתְגַּל בְּתוֹךְ אָהֳלֹה...

**(בראשית ט, כ-כא)**

נאכן זיין א יאר צייט אין די תיבה, איז נח ארויס געקומען און געזעהן א פאר'חרוב'טע וועלט. ער הייבט אן פלאנצן וויינגארטנער, טרינקט זיך אן מיט ווין און פאר'שיכור'טערהייט פאלט ער אריין אין זיין געצעלט...

**לכאורה דארף מען פארשטיין:** וואס האט פאסירט מיט נח? ווי אזוי געשעהט אז איינער וואס דער תורה זאגט עדות אויף אים אז ער איז אן אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, דער איינציגסטע פון די גאנצע וועלט צו ווערן געראטעוועט, זאל זיך אזוי אראפקייקלען צו ווערן א פשוט'ע שיכור?

■

צו פארשטיין דעם ענין על בוריה, וועלן מיר אנהייבן מיט א גמרא (נדה ל:). **אמר רבי שמלאי:** רבי שמלאי פארציילט איבער די געוואלדיגע השגות און מדריגות וואס אן עיבור איז זוכה במעי אמו, נר דלוק לו על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו... ומלמדין אותו כל התורה כולה... ווי די גמרא זאגט: **ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים...** דאס זענען ממש די בעסטע טעג פון א מענטש...

ביז... **וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו, ומשכחו כל התורה כולה, שנאמר** (בראשית ד, ז) **לפתח חטאת רובץ...** ווי נאר דער מענטש קומט אראפ אויף דער וועלט, פארגעסט ער אלעס און פארלירט זיינע מדריגות. די גוטע צייטן ענדיגן זיך... און ברוך הבא, דער יצר הרע איז דא...

זאגט אבער די גמרא: **ואינו יוצא משם עד שמשביעין אותו...** איידער דאס קינד ווערט געבוירן, טוט מען אים באשווערן מיט א הארבע שבועה. **ומה היא השבועה שמשביעין אותו?**

"**תהי צדיק ואל תהי רשע!!** זאלסט וויסן אז עס גייט קומען אויף דיר שווערע צייטן. דו קומסט אראפ אויף א וועלט וואס איז אן עלמא דאתכסיא. דער יצר הרע וועט שטיין אויף דיר מיט זיינע טאקטיקן און דו וועסט ווערן גוט צומישט מיט ווער דו ביסט און וואס דו דארפסט טוהן. זאג יעצט צו אז דו וועסט זיין א צדיק און נישט קיין רשע!!"

"**והוי יודע שהקב"ה טהור ומשרתיו טהורים, ונשמה שנתן בך טהורה...** געדענק גוט פון וואו דו קומסט און ווער האט דיר באשאפן. געדענק ווי הייליג מען האט דיר באשאפן און אז דו האסט א ציל, א תפקיד. רעדט זיך נישט איין אז דו קענסט טוהן וואס דו ווילסט און דו וועסט נאך בלייבן א גוטע מענטש אויך. ניין! **אפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק, אתה היה בעיניך כרשע...**" און אט אזוי ווערט דאס קינד געבוירן...

**לכאורה דארף מען פארשטיין:** פארוואס דארף מען באשווערן דאס קינד דייקא יעצט? יעצט איז ער דאך גוט און ער וויל נאך זיין גוט... ער קומט דאך נארוואס פון א ריינע און הייליגע פלאץ. ער האט נארוואס געלערנט תורה מיט די מלאך בקדושה ובטהרה. יעצט דארף מען אים נישט באשווערן מיט "**תהי צדיק ואל תהי רשע**"! ענדערש וואלט מען אים געדארפט באשווערן שפעטער, ווי למשל איידער די בר מצוה, ווען דאס קינד האלט טיף אינמיטן זיין לעבן, ער האט שוין געזעהן די טוב ורעה פון דער וועלט און האט שוין א שטיקל נטייה צו שלעכטס, דעמאלטס וואלט מען אים געדארפט באשווערן מיט "**תהי צדיק ואל תהי רשע!**" פארוואס פונקט יעצט?

און אט דאס ברענגט אונז צו א געוואלדיגן יסוד...

## פראנץ יאזשעף געבט צו פארשטיין... דער בעסטע ערקלערונג!

דער גרויסע קיסר פראנץ יאזשעף פון עסטרייך איז געווען באקאנט ארום צוגיין פון צייט צו צייט מיט פשוט'ע קליידער כדי אליין צו זעהן פון דער נאנט וואס עס טוט זיך ביי די המון עם.

איינמאל, אינמיטן א העפטיגע מלחמה, האט דער קיסר זיך ארום געדרייט צווישן די מענטשן, ווען פלוצלינג האט איינע פון די זעלנער פון דער שונא אים דערקענט און געגעבן א געשריי, "דאס איז דאך דער קיסר פראנץ יאזשעף!!" תיכף, האבן זיי פרובירט אים כאפן...

פראנץ יאזשעף האט געזעהן אז ער איז

אויף צרות און אנגעהויבן לויפן פאר זיין לעבן ביז... עפעס א אידל האט זיך מרחם געווען, אים שנעל אריינגענומען צו זיך אין שטוב און אים באהאלטן אין זיין קעלער טיף אונטער עטליכע מעטראצן...

די זעלנער זענען ארום געלאפן פון הויז צו הויז ביז... זיי זענען אנגעקומען צום איד. דער איד מאכט זיך טעמיש ווי גליך ער האט נישט קיין מושג וואס מען וויל פון אים.

די זעלנער לאזן נישט נאך און רייסן זיך אריין אין דער איד'ס הויז. זיי דרייען אלעס איבער ביז זיי קומען אן צו די טורעם פון מעטראצן. די זעלנער שטעכן אריין זייערע שווערדן אדורך די מעטראצן, טיפער און טיפער, איינס נאכן צווייטן... אט אט קומען זיי אן צום צענטן מעטראץ ווי פראנץ יאזשעף ליגט באהאלטן... ער ציטערט מיט די נשמה אין די הענט... **נאך איין מעטראץ און ער איז טויט!!**

פלוצלינג, רופט זיך אן איינער פארן צווייטן, "לאז שוין אפ. גענוג געשטאכן! לאמיר גיין."

און... **פראנץ יוזשעף איז געראטעוועט!** ער קומט ארויס אינגאנצן איבערראשט און זאגט פארן איד, "דו האסט געראטעוועט מיין לעבן! איך האב נישט גענוג ווערטער דיר צו באדאנקן... ווארט נאר ווארט, ווען איך וועל צוריק גיין צו מיין פאלאץ, וועל איך דיר שיין באצאלן!"

א טאג דערויף, קומט אן די קעניגליכע דעלעגאציע צום איד און ברענגט אים צום קעניג צו באקומען זיין באלוין. דער קיסר באגריסט אים העפטליך און זאגט, "מיין טייערע פריינד, איך דאנק דיר זייער פון טיפן הארצן. זאג מיר דיין באגער און איך וועל עס ערפילן."

דער איד בלייבט שטיל און דערנאך זאגט מיט א תמיה, "קיסר טייערע, איך וואלט זייער געוואלט וויסן, ווי אזוי האט דער קיסר געפילט ווען די זעלנער האבן אדורך געלעכערט דעם ניינטן מעטראץ און דו האסט געוואוסט אז ביז געציילטע סעקונדעס קומט מען אן צום צענטן מעטראץ וואו דו ביסט געלעגן!!"

דער קיסר האט אנגעקוקט דעם איד און אנגעהויבן שרייען, וואס??!! אזא מורד במלכות!! לייגט אים אריין אין תפיסה!!" מען בינד אים די הענט און פיס אוןווארפט אים תיכף אריין אין תפיסה.

דער איד האט אנגעהויבן וויינען, "אדוני המלך, איך האב חלילה גארנישט געמיינט... עס איז מיר פשוט געווען אינטערעסאנט צו פארשטיין ווי אזוי א מענטש שפירט ווען ער ווייסט אז אין עטליכע רגעים גייט מען נעמען זיין לעבן און דערנאך ווערט ער געראטעוועט אזוי אומגעראכטן...

דער קעניג האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט. אין עטליכע טעג ארום, האט מען געמאכט דעם משפט און דן געווען דעם איד צו טויט שטראף פארן זיין א מורד במלכות!!

אונעם פריוואטן חצר פונעם פאלאץ, האט מען אנגעגרייט דעם תליה. דער איד וויינט נאכאמאל, "קעניג טייערע, זיי מיר מוחל. געדענק ווער איך בין! איך בין דער איד וואס האט דיר געראטעוועט..."

מען דרייט דער שטריק ארום זיין האלדז און דער ממונה גרייט זיך אוועקצושלעפן דעם בענקל אויף וואס דער איד איז געשטאנען. ווי נאר מען הייבט אן ריקן די בענקל, קומט דער קיסר צו לויפן און שרייט, "האלט! האלט!!" ער דרייט זיך אויס צום איד און רומט אים אריין אין אויער, "**אזוי** האב איך געשפירט!!"

דער איד שטייט בהעלם... און דער קעניג איז מסביר, "דו האסט געוואלט וויסן ווי אזוי א מענטש שפירט ווען ער ווייסט אז אין עטליכע רגעים גייט מען נעמען זיין לעבן און דערנאך ווערט ער געראטעוועט. פונקט אזוי האב איך געשפירט... אבער היות מיט ווערטער וואלט מען קיינמאל נישט געקענט מסביר זיין אזא סארט הרגשה, האב איך דיר געמוזט צוברענגען צו אזא סארט מצב אז דו זאלסט דאס גוט פארשטיין."

**אל תדון חבירך עד שתגיע למקומו. זאגן די ספה"ק:** ולמקומו וודאי לא תגיע, עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו באמת קענען פארשטיין א צווייטן אן זיין אין יענעם'ס מצב. און אין יענעם'ס מצב קען מען קיינמאל באמת נישט זיין ווייל דאס איז א הרכב פון אזויפיל זאכן ארום און ארום ווי למשל יענעם'ס נאטור, יענעם'ס משפחה, יענעם'ס געלט, אד"ג...

## ווען פארשטייט דער מענטש די בעסטע?

ווען מען זאל קומען צו א מענטש ביי די בר מצוה און אים דעמאלטס באשווערן **תהי צדיק ואל תהי רשע**, וואלט ער קיינמאל נישט פארשטאנען וואס עס מיינט א צדיק. די מערסטע וואס ער וואלט פארשטאנען איז "איך דארף זיין גוט און נישט מאכן קיין פראבלעמן" ווייל ער האט נאך קיינמאל נישט ביי‌געוואוינט דער מושג פון א צדיק צו בכלל קענען פארשטיין וואס מיינט "א צדיק"...

ווען קען דער מענטש דאס יא פארשטיין? טאקע נאר יעצט, איידער ער ווערט געבוירן, ווען ער געפונט זיך נאך ברום המעלה אינעם שפיץ פון קדושה וטהרה, ער האט נארוואס געלערנט כל התורה כולה מיטן מלאך, ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין שלעכטס פאר די אויגן, יעצט איז דער פאסיגסטע צייט צו זאגן פארן מענטש, "אזוי, אזוי זאלסטו זיין! **תהיה צדיק! אזא צדיק זאלסטו זיין!** דיין גאנצע לעבן זאלסטו שטרעבן צו זיין אזא צדיק! און כל זמן וואס דו ביסט נאך נישט אזא צדיק, אפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק, אתה היה בעיניך כרשע..."

און אט דאס איז די זעלבע באדייט פון אנהייבן די תורה מיט "בראשית ברא אלקים" און נישט פון "החודש הזה לכם" (דער ערשטע מצוה) תיכף נאך די הייליגע טעג.

מצוות קען דער מענטש מקיים זיין ניסן אויך, אבער באמת פארשטיין דעם "בראשית ברא אלקים" פשוטו כמשמעו, דאס קען מען נאר פארשטיין טאקע יעצט, תיכף נאך דעם "אתה הראת לדעת"...

ווייל ווי ווייטער דער מענטש שטייט פון די הארות פונעם יום טוב און דער רושם דקדושה ווערט ביי אים אלץ שוואכער און שוואכער, ווערט דער פשט פון "בראשית ברא אלקים" גאר אן אנדערע פשט, דער אמונה און דערהויבנקייט ווי אזוי א איד דארף לעבן ווערט שוין אן אנדערע מושג און די פשטים ווערן שוין עטוואס פארדרייט, עס איז שוין דא א טבע, עס איז שוין דא א כוחי ועוצם ידי און דער וועלט ווערט שוין צוריק א שטיקל מציאות....

דערפאר, תיכף נאך יום טוב לערנט מען "בראשית ברא אלקים", פארשטייט גוט דעם אין עוד מלבדו און חזר דאס גוט איין טאקע יעצט ווען דו ביסט נאך אונטער די רושם פון די הייליגע ימים טובים!"

**מוסר השכל:**

יעצט נאך די הייליגע טעג איז אונזער עבודה צו נעמען א בילד פון דעם יעצטיגן מציאות און דאס גוט אוועקפאקן, געדענקען וואס מיינט א דאווענען און ווי אזוי א דאווענען דארף אויסקוקן, געדענקען אונזער אהבה צו די תורה ומצוות, געדענקען די הקפות און אונזער שמחת התורה, געדענקען ווי חשוב די תורה ומצוות איז געווען פאר אונז און ווי ווייניג אונז זענען דעמאלטס געווען אינטערעסירט אין גשמיות.

און טאקע יעצט איז דער פאסיגסטע צייט צו מקבל זיין דעם תהי צדיק ואל תהי רשע, ווייל יעצט פארשטייט מען דאס גוט, יעצט האט מען נאך א שטיקל באגריף פון א צדיק, עס איז נאך לעבעדיג און נאנט צו אונזערע הערצער...

# חלק ב'; לאמיר גיין אביסל טיפער...

ואם תאמר: נאכן ליינען דעם יסוד, קען מען פרעגן, "בשלמא דעם **"תהי צדיק"** פארשטייט מען שוין זייער גוט פארוואס מען דארף דאס איינ'חזר'ן פונקט ביים אנהייב פון בראשית אבער דעם **"ואל תהי רשע"**... אין סוף פרשת בראשית און אנהייב פרשת נח, דאס איז נאך אביסל אומפארשטענדליך. "ווי אזוי געשעהט אז פלוצלינג, פון איין מינוט אויפן צווייטן, זאל א מענטש זיך אזוי טוישן פון זיין א צדיק צו ווערן א רשע??"

"ווי אזוי געשעהט אז אזא הייליגע מענטש ווי אדם הראשון זאל זינדיגן נאך אינעם זעלבן טאג וואס ער איז באשאפן געווארן? ווי אזוי געשעהט אז נח, אן "איש צדיק", די הייליגסטע מענטש אויף דער וועלט, זאל פלוצלינג ווערן א "איש אדמה"?

און אט דאס ברענגט אונז צום צווייטן יסוד...

## דער טאטע בעט זיך ביים קינד...

ווער קען דען נישט איינס אדער מער עפיזאדן ווי א טאטע בעט זיך ביי זיין קינד:

פארוואס ענדיגסטו נישט קיין מסכת? פארוואס דאווענסטו נישט הויך אויפן קול אדער לכה"פ מיט מער ערנסקייט? פארוואס אינטערעסירט דיר נישט א מצוה, א הלכה?

ווער קען דען נישט דעם באקאנטן תשובה?! איין תשובה וואס פארענטפערט אלע שאלות... **"איך האב נישט קיין נערוון!"**

דער בחור שרייט, "טאטי, דארפסט פארשטיין, וואס זאל איך טוהן, די זאכן צוען מיר נישט, עס איז מיר נישט אינטערעסאנט, די זאכן זענען זייער בארינ"גו"

דער טאטע פרובירט מסביר זיין אויף אלע אופנים אבער "אין קול ואין עונה", דער קינד האלט זיך ביי זיינס, "איך האב נישט הנאה פון די זאכן", און ער לייגט נאך צו די ווייטאגליכע ווערטער, "איך פארשטיי בכלל נישט ווי אזוי דו האסט הנאה פון די אלע זאכן, א גאנצע טאג לערנען און דאווענען..."

און ווער רעדט נאך ווען ער גייט א שטאפל ווייטער און לייגט צו נאך שטעכעדיגע ווערטער, "איך ווייס נישט, "אין לי אלא מה שעיניו רואות". קוק טאטע, ווערסטו זעהן וויפיל הנאה די אלע וואס טינקען זיך אין גשמיות האבן..."

**לאמיר פארשטיין:** וואס איז דער אמת און וואס איז שקר? איז תורה בארינ"ג און דאווענען לאנג-וויילי? זענען גשמיות'דיגע זאכן לעבעדיג און געשמאק?

אדער איז דער בילד גאר די פארקערטע: תורה, עבודה און תפילה זענען לעבעדיג און געשמאק און גשמיות'דיגע זאכן זענען בארינ"ג, לאנג-וויילי און בלי תכלית.....

## דער כח פון דער ס"ם... וואס מאכט אונז שווער בוחר צו זיין...

די תורה זאגט אונז: **ראה נתתי לפניכם היום ברכה וקללה**, ווען דו קומסט אראפ אויף דער וועלט, וועסטו זעהן צוויי וועגן: **ברכה**, א וועג וואס איז אנגעפילט מיט ברכה. **וקללה**, א וועג וואס איז אנגעפילט מיט קללה. **"ובחרת בחיים"**, דיין עבודה איז צו בוחר זיין אין דעם וועג פון לעבן, דער וועג פון ברכה...

ווי דער גמרא זאגט (נדה, לעיל): איידער דאס קינד ווערט געבוירן, טוט מען אים באשווערן **"תהי צדיק ואל תהי רשע"**...

**וכאן הבן שואל:** אויב מען קען זעהן קלאר וואס איז ברכה און וואס איז קללה, פארוואס זאל מען בכלל וועלן נעמען די קללה? ווער וויל דען לעבן מיט קללות??

אלא מאי, מוז זיין אז מען קען נישט קלאר זעהן וואס איז וואס. אויב אזוי, פון וואו זאל א מענטש טאקע וויסן וואס איז ברכה און וואס איז קללה?

וועט איר דאך אודאי ענטפערן: וואס הייסט? דער תורה איז אונז מגלה... לערן תורה, וועסטו קלאר זעהן...

אמת... אבער ווען דאס וואלט געווען אזוי פשוט, וואלט דאך אדם הראשון, וואס ער האט געהערט קלאר פונעם אייבערשטען אליין אז **"מִכֹּל עֵץ הַגָּן אָכֹל תֹּאכֵל, וּמֵעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע לֹא תֹאכַל מִמֶּנּוּ"**, ער וואלט קיינמאל נישט געגעסן פונעם עץ הדעת!

אזוי אויך, וואלט נח, דעם צדיק תמים בדורותיו, קיינמאל נישט געווארן אזא שיכור און אנגעקומען צו זינדיגן... נאר וואס פאסירט? דער ס"מ! דער ס"מ האט א ספעציעלע כח וואס מאכט

אונז זייער שווער צו כסדר בוחר זיין דעם טוב...

**וועלכע כח האט ער?** דאס איז דער כח פון פארבן[א]: ער מאכט זאכן אויסזעהן אמת'דיג און פארבט דאס מיט אנדערע קאלירן ווי עס איז באמת...

## יתרו'ס עצה און משה'ס בחירה...

משל למהד"ד: ווער קען דען נישט די מעשה אין מדרש רבה[ב] (שמות), ווען די קליינע משה'לע איז געזעצן אויף פרעה'ס שויס און אראפגענומען זיין קרוין און דאס אנגעטוהן אויף זיין אייגענע קאפ... א טומל איז געווארן אין דער קעניגליכע הויף, "וואס איז דער באדייט פון דעם? איז דאס נאר א פשוט'ע מעשה ילדות אדער מיינט דאס עפעס טיפער אז ער וועט אמאל אוועקנעמען די מלכות פון פרעה?"

יתרו, אלץ איינע פון די עצה-געבערס, האט פארגעשלאגן אז מען זאל אראפלייגן צוויי שיסלען, איינס מיט הייסע ברענעדיגע קוילן און איינס מיט גאלדענע שיינע מטבעות און מען וועט זעהן אויב דער קינד האט שכל אדער נישט.

אויב דער קינד וועט בוחר זיין די גאלד, מיינט אז ער האט שכל און ווייסט וואס ער טוט און ער איז מחויב מיתה. אבער אויב ער וועט אויסשטרעקן זיין האנט צו די קוילן, וועט מיינען אז ער האט נישט קיין שכל און מען קען אים נישט דן זיין למיתה...

**לאמיר פארשטיין:** וואס איז דער בחירה דא? פארוואס זאל משה בכלל וועלן נעמען עפעס וואס איז שווארץ און הייס ווען ער קען נעמען עפעס וואס איז גאלד און קאלט?!

זאגט דער יפה תואר אויפן מדרש[ג]: **כי הסכל בודאי יושיט ידו לגחלת, מפני בהירותו**, דער נאר טראכט נישט קיין סאך, ער קוקט נישט אויף דעם שוויות, ער קוק אויף דעם קאליר... עס גלאנצט און שיינט, לאמיר דאס נעמען...

און אט די זעלבע זאך טוט דער יצר פאר אונז: ער פארבט און מאכט דאס פאר א שיינע קאליר כדי מיר זאלן דאס וועלן...

נו, אויב איז דאס אזוי פשוט אז דער נאר טראכט נישט און דער חכם טראכט יא, איז ווייטער באמת גרינג צו בוחר זיין בטוב וויל מען דארף נישט זיין אזא גרויסע פקח צו זעהן די אמת'קייט פון די זאך, (משה האט אויך געוואלט נעמען די גאלד נאר דער מלאך האט געשטופט זיין האנט), דעמאלטס פארוואס זעהן מיר נישט אז רוב מענטשן זאלן נעמען די גאלד? ד"ה, בוחר זיין די טוב און ממאס זיין די רע...

דערפאר, דארפן מיר דא צוליגן נאך א נקודה. דער וועלט פון טוב ורע איז נישט ממש דומה צו יענע בחירה וויל אויב יא, וואלט יעדער בוחר געווען די טוב... **נאר דער יצר קומט און פארבט דאס אן מיט זיינע פאלשע קאלירן און מאכט דאס אויסקוקן אזוי אמת'דיג ביז דער מענטש ווייסט שוין נישט וואס איז אמת...**

דער יצר קומט און באדעקט די גאלד מיט שווארצע פארב כדי עס זאל אויסקוקן ממש געגנוי ווי דער קויל. דערנאך, נעמט ער די קוילן און פארבט דאס געגנוי ווי גאלד. יעצט איז דער מענטש שוין טאקע צומישט! ער ווייסט נישט וואס איז אמת און וואס איז שקר! וועלכע דארף מען נעמען? וועלכע איז דער קויל און וועלכע איז דער גאלד?

און אט דאס איז דער כח פונעם יצר, ער צומישט דעם מענטש, ער פארבייט קאלירן און פארדעקט דעם אמת...

נו, אויב אזוי, קען דאך דער מענטש פרעגן, "מה פשעי וחטאתי, ווי אזוי קענסטו ערווארטן פון מיר אז איך זאל וויסן וואס איז גוט און וואס איז נישט?"

דער תשובה איז: דער יצר קען דאס נאר טוהן ווילאנג דער מענטש איז נישט קלאר מיט זיך. חז"ל זאגן: אויב דער מענטש הערט זיך איין און רירט זיך נישט פון דאס וואס די תורה האט אים געלערנט, קען ער נישט פאר'נאר'ט ווערן...

דאס איז פונקט ווי איינער וואס וואלט געשטאנען ביי די שיסלעך פון פאלשע גאלד און פאלשע קוילן און געהאט א חכם דערנעבן וואס ווארענט אים "איך זאג דיר, פאלג מיר, נעם די שווארצע שיסל וויל דאס איז די אמת'ע סחורה. די אנדערע גלאנציגע איז פאלשע סחורה!" דער מענטש וואלט צוריק געשריגן, "אבער דאס קוקט דאך אויס ווי קוילן!" און דער חכם ענטפערט, "איך זאג דיר, איך בין א מבין אויף די סחורה, פאלג מיר, **דאס איז באמת גאלד**, איך ווייס!"

און דער חכם לייגט צו, "אדרבה, איבערצייג זיך אליין. נעם די סחורה אין די האנט און הייב עס אן נוצן. דעמאלטס וועסטו זעהן ווי דער גאלד קראצט זיך אפ און די אמת'ע שווארצע קאליר קומט ארויס. און די זעלבע פארקערט. ווען דו וועסט נעמען די כמו קוילן און אנהייבן נוצן, וועסטו זעהן ווי די קאליר קומט צוביסליך אראפ און די שיינע גלאנציגע אמת'ע קאליר שיינט ארויס!"

יעצט ווען דער חכם ווארענט און איז מגלה די אמת, אויב הערט מען זיך צו און מאכט די ריכטיגע באשלוס צו נעמען די קוילן, דעמאלטס איז דאס א גוטע בחירה... אבער אויב ער האלט זיך קלוגער און זאגט "איך ווייס נישט פון שפעטער אדער מארגן, איך בין דן די זאך לויט ווי עס קוקט מיר אויס יעצט מיט מיינע פליישיגע אויגן" און נעמט די פאלשע גאלד, דעמאלטס מאכט מען א שלעכטע בחירה...

## דער כח פונעם ס"מ און דער טעות פון חוה...

און טאקע דאס האט פאסירט מיט חוה (און שפעטער מיט נח) ווי דער תורה דערציילט אונז: **וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל...** (בראשית ג, ו)

דער בוים האט אויסגעזעהן אזוי גוט! יא, אויסעווייניג האט עס אויסגעקוקט זייער געשמאק צום עסן, דער יצר הרע האט עס פיין געפארבט... דער מענטש שטייט צוטומלט, עס איז גוט אדער נישט? דער יצר קומט מיט נאך דריידלען און איז ממשיך צו פארדרייען א קאפ מיט זיינע חכמה'לעך,

[א] ווי די ספה"ק טייטשן (שבת עה.): שוחט משום מאי חייב. דהיינו, שוחט דמרי עלמא. לעתיד לבא, גייט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע. פרעגט מען: מפני מה חייב? פארוואס איז דער שטן חייב מיתה? מען האט אים דאך באשאפן פאר דעם! ענטפערט די גמרא: רב אמר משום צובע... דהיינו, דאס וואס ער נאר'ט אונז אויס מיט זיינע פארבן, ער פארבט זאכן פאלש...

[ב] שמות רבה פ"ב אויפן פסוק "ויגדל הילד" עיי"ש.

[ג] עי' בליקוטים במדרש שם בשם יפה תואר

"קוק אויף די קאליר! קוק ווי גוט עס זעהט אויס! ווי קען עס בכלל זיין א פראבלעם?! קוק אויף וואס די זעהסט, אן אריינגיין אין די לומדות אויב עס איז יא גוט פאר דיר אדער נישט..."

ווי דער כלי יקר שרייבט (שם): דאס איז ממש דער ויכוח צווישן דער יצר טוב און דער יצר הרע! יעדעס מאל, שרייט דער יצר טוב, "קוק אויפן אמת (דער שכר לעוה"ב) און נישט אויף דאס וואס דיין אויג זעהט יעצט (דער שכר בעוה"ז) ווייל די סחורה איז באמת פאלש!"

אבער דער יצה"ר שרייט, "זיי נישט קיין נאר, נעם נאר אן דאס וואס דו זעהסט (און נישט דאס וואס מען זאגט דיר צו) ווייל עס איז יא גוטע סחורה!"

אויב דער מענטש האט שכל און האלט זיך נישט קלוגער פון דאס וואס מען האט אים געלערנט, ווערט ער געראטעוועט. אבער אויב ער איז נישט זיכער... דעמאלטס פאלט ער אריין חלילה... און צום סוף צייגט ער זיך אליין איבער אז ער האט געגרייזט.

**וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה...** זאגט די כלי יקר: חוה האט ליידער איינגעזעהן דער טענה פונעם נחש און דן געווען די זאך לויט וואס זי האט געזעהן (און נישט לויט איר ידיעה), דערפאר האט זי אנגענומען זיינע רייד אז **כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל**... ווען באמת אין די פאל איז דאס געווען פונקט פארקערט: "רע למאכל", עס איז געווען פאר איר דאס ערגסטע זאך צו עסן, עס האט נאר אנגעברענגט צרות און עגמת נפש פאר איר און איר מאן...

און אט דאס האלט אין איין פאסירן צו דער מענטש. אפי' ער הערט און ווייסט קלאר וואס איז יא גוט און וואס איז נישט, אויב בלייבט ער נישט וואך און געבט זיך נישט אכטונג, קען ער גרינג ווערן נאכגעשלעפט נאך די פאלשע הנאה און גלאנץ פון גשמיות און ער הייבט אן לעבן מיט די ספיקות אז אפשר איז דאס באמת יא גוט...

# און אט דאס האט פאסירט מיט נח...

כל זמן וואס נח איז געווען אויף דער וואך, ער איז אוועק געשטאנען פון שלעכטע מענטשן און געווען פארנומען מיט רוחניות, ער איז געווען פארנומען מיט בויען א תיבה און געהייסן די עולם טוהן תשובה ווייל עס גייט קומען א געפערליכע מבול...

דעמאלטס, איז ער טאקע געווען דער **נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו**, ווי דער פסוק ענדיגט צו **אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, ער איז געגאנגען מיטן אייבערשטען און נישט מיטן דור... אזוי אויך טייטשן די ספרים: **אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, נח האט געהאלטן אין איין רעדן פון אלוקית...

אבער ווי נאר נח איז ארויסגעקומען פון די תיבה צו א וועלט וואס איז חרוב פון מענטשן, ער האט שוין נישט געהאט פאר וועמען צו מורא האבן, דעמאלטס האט ער שוין אנגעהויבן נאכלאזן... אזוי אויך, נאכן זעהן א וועלט וואס איז חרוב, מוז דאך זיין איינער וואס זאל אביסל עוסק זיין אין גשמיות...

אבער איין זאך האט ער נישט געכאפט! נאך איינער איז יא איבערגעבליבן... דער יצר הרע! **לפתח חטאת רובץ**... ווי נאר נח איז ארויס פון די תיבה, איז אים באלד אנטקעגן געקומען דער יצר הרע מיט א ברייטע שלום עליכם...

נישט וועלנדיג, איז ער צוביסלעך נאכגעשלעפט געווארן און איבערגעדרייט געווארן פון א **"איש צדיק"** צו א **"איש אדמה"**. ווי רש"י זאגט: **"ויחל נח"**, עשה עצמו חולין, נח איז געווארן פראסט, ער האט אנגעהויבן נאכגיין זיינע תאות... ממילא האט ער פארלוירן זיין זהירות און שוין מער נישט אזוי אכטונג געגעבן וואס ער פלאנצט... יעצט האט ער שוין אפילו געמיינט אז ווין איז באמת גוט...

איי ר' נח, צו ווייסטו דען נישט וואס האט פאסירט מיט אדם און חוה ווען זיי האבן געגעסן דעם ווייַנטרויב?! זיי האבן זיך אויך איינגערעדט אז דאס איז גוט... פארוואס האסטו זיך נישט אויסגעלערנט צו אכטונג געבן! (סנהדרין ע.[ד]) אויב וואלסטו געבליבן אין דיין פריערדיגע מצב פון זהירות און קלארקייט, וואלסטו קיינמאל נישט געפלאנצט די ערשטע א ווייַנטרויב...

[ד]א"ל הקב"ה לנח: נח, לא היה לך ללמד מאדם הראשון שלא גרם לו אלא יין, כמאן דאמר אותו אילן שאכל ממנו אדם הראשון גפן היה...

## מוסד השכל:

און אט דאס פאסירט מיט דער מענטש איינמאל און נאכאמאל, אנגעהויבן אזוי פרי פון ווען ער קומט אראפ אויף דער וועלט. לפתח חטאת רובץ... דער ס"מ שטייט קאמפס-גרייט מיט זיינע פארבן, ער טוישט און פארדרייט, ער מאכט זאכן אויסקוקן אזוי אמת'דיג און גלאנציג ביז דער מענטש ווערט אינגאנצן פארדרייט. ער קען נארוואס האבן געלערנט תורה מיטן מלאך, נר דלוק לו על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו, ער זעהט און ווייסט קלאר דעם אמת... דאך, ווי נאר ער קומט אראפ אויף דער וועלט, פארגעסט ער פון אלעס! נח קען זיין אין א תיבה, אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט, דאך ווי נאר ער קומט ארויס פונעם תיבה, לפתח חטאת רובץ... דער יצר איז דא און לאזט אים נישט אפ! און ווען דער מענטש לאזט נאך אביסל, טראגט דער יצר הרע אים טיפער אריין אין זיין געשעפט פון פאלשע סחורות...

דערפאר, איידער דער מענטש קומט אראפ אויף די וועלט, ווען זיין נשמה איז נאך גענצליך ריין און ער איז נאך אונטער די הייליגע השפעה פון די מלאכים, דאמאלטס איז די פאסיגסטע צייט אים צו באשווערן תהי צדיק ואל תהי רשע... געדענק גוט ווער דו ביסט און וואו דו גייסט! געב שטארק אכטונג...

און אט דאס איז דער טעם פארוואס מיר לערנען יעצט די פרשיות פון בראשית און נח... מען וויל רעדן צו דער מענטש דייקא יעצט, זייענדיג אונטער די רושם פון די הייליגע טעג... איידער דער אמת וועפט אויס. דער אייבערשטער וויל אונז ווארענען: געדענק גוט וואס עס מיינט צו זיין אן ערליכע איד, געב זיך שטארק אכטונג פון די אלע פאלשע סחורות, געדענק גוט וואס איז דער אמת און וואס איז דער שקר, זיי נישט פון די מענטשן וואס לאזן זיך פאר'נאר'ן פונעם יצר אז דאס וואס זיי זעהן איז אמת...

הערות: torah10952@gmail.com